UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Yiddish Radio in L.A. / Yidishe Radyo In L. A.

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2f03v5vr

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

Author
Silverzweig / Zilbertsvayg, Zalman / Zalmen

Publication Date
1953

Copyright Information
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# די יידישע ראַדיאָ איז אַ באַשטאַנד טייל פון יידישן לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס



אייגענער לויב — איז דאָ אַ יידיש ווערטל — שמעקט נישט. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז אונדזער כּרך לאָס אַנגעלעס איז פאַרשאָלטן נישט צו האָבן קיין אָרגאַן וואו עס זאָל פאַרנאָטירט ווערן דאָס וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט?

געשעענישן אין אַ שטאָט ווערן היינטיקע צייטן פאַרנאָטירט דורך רעפּאָרטאַזש. יעדע צייטונג האָט געוויינליך רעפּאָרטערס וועלכע גייען צו אונטערנעמונגען, אָדער פּלעצער וואו עס קומט פאָר אַ וויכטיקע געשעעניש און פאַרצייכענען וואָס זיי האָבן דאָרט געזען אָדער געהערט. אונדזער שטאָט, וועלכע האָט אַ לאָקאַלע אויסגאַבע פון „פאָרווערטס" און אַ קאָרעספּאָנדענט פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", ווי אויך צוויי יידיש־ענגלישע וואָכנבלעטער, האָט אָבער נישט קיין איין רעפּאָרטער, און שפּיגלט דעריבער נישט אָפּ גאָרנישט פון דעם וואָס עס קומט פאָר ביי אונדז אין שטאָט, ספּעציעל אין יידישן לעבן, סיידן מען שיקט צו צו דער צייטונג געשריבענע „פּובליסיטי".

וואָס זאָל אָבער טאָן אונדזער יידישע ראַדיאָ, וואָס האָט נישט קיין באַצאָלטן פּובליסיטי אַגענט? איז דעריבער נישט פאַרצייכנט געוואָרן די וויכטיקע געשעעניש ווי אַזוי עס איז געפּייערט געוואָרן דער 5 יאָריקער יובל פון אונדזער יידישער ראַדיאָ־שעה.

אָבער די איבער טויזנט יידן וועלכע זיינען געווען אין ווילשייר איבעל טעאַטער דעם 18טן אַפּריל, 1953, און די וועלכע האָבן שפּעטער ביי געוואוינט דעם אינטימען באַנקעט אין יידישן קולטור קלוב, אָדער האָבן באַקומען דאָס יובל־בוך, וועלן די פייערונג אַזוי גיך ניט פאַרגעסן.

אליהו טענענהאָלצ׳ס אויפפירונג פון קאָברינס „דעם דאָקטאָרס ווייבער" איז געווען אַזוי געלונגען און צילעס פאַרקערפּערן די הויפּט ראָל „מינקע די דינסטמויד" איז געווען אַזאַ דערפאָלג, אַז אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן און אין אַן אַנדער שטאָט, וואָלט די פאָרשטעלונג געשפּילט געוואָרן אַ גאַנצע וואָך, און אַ פאַקט איז, אַז אַ סך פון די צוהערער האָבן איינגעלייגט וועלטן, אַז די פאָרשטעלונג זאָל איבערגעחזרט ווערן, אָבער קענענדיק די באַדינגונגען פון ל. א., האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אונדזער יום טוב זאָל נישט ווידערהאָלט ווערן. אַמאָליקע צייטן, ווען אַ שוישפּילערין שפּילט אַזוי קינסטלעריש די ראָל פון „מינקע", ווי צילע האָט עס באַוויזן אין אַלע פאַזן פון דער ראָל, אין די קאָמישע, דראַמאַטישע און טראַגישע, וואָלט זי איבערנאַכט געקרוינט געוואָרן אַלס סטאַר. היינט מוז מען זיך באַגנוגנען מיט די מינדלעכע און שריפטלעכע באַגריסונגען און אויסדרוקן פון אַנטציקונג ,וואָס האָבן אָנגעהאַלטן וואָכן־לאַנג נאָך דער פאָרשטעלונג, וועלכע האָט בכלל, דורכן שפּילן פון אַלע שוישפּילער, איבערגעלאָזט אַ וואונדערבאַרן איינדרוק.

און ביי דער געלעגנהייט איז זייער פּאַסיק צו דערמאָנען צום גוטן דעם יידישן קולטור קלוב, וואָס האָט אָפּגעגעבן פריי זיין בינע פאַר די פּראָבן, אַזוי אַז די פּיעסע האָט געקאָנט אַזוי פיין איינשטודירט ווערן.

דער קלוב האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט דעם אָוונט פון דער יובל־פייערונג פון זיין געוויינלעכן שבת־צונאַכט, און בעסער געווען דער מכניס אורח פאַר די אינטימע פריינט, וועלכע זיינען שפּעט נאָך דער פאָרשטעלונג געקומען אויסדריקן זייער דאַנק און אנערקענונג פאַר אָנהאַלטן אַזוי מוטיק 5 יאָר דעם פאָן פון ריינעם יידישן וואָרט.

זלמן זילבערצווייג